STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03997

FUN UNZER LAND

Z. Weinper

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פון אונזער לאנד

ז. וויינפער

פארלאג
„בצלאל"
1920

Copyright 1920
by Z. Weinper.

אינהאלט:

צו דיינע ברעגען:

צו דיינע ברעגען — — — — — — — — — — 11
אלץ נאָהענטער — — — — — — — — — — — 13
און פלוצלונג איז פון ים — — — — — — — — 14

אין באַן:

קלאפּט און קלאפּט און קלאפּט די באַן — — — — —17

פון אונזער לאנד:

אָט זיינען מיר ווידער — — — — — — — — — — 21
א רוקען פון א ריז — — — — — — — — — — — 23
בלוי אויגיגע קינדער — — — — — — — — — — — 25
און אָט אזוי איז דאָס געווען — — — — — — — — 27
א בלויער פּאס — — — — — — — — — — —30
אזוי האָב איך זיך אָט דאָס לאנד — — — — — — 32
נאָך טיפער איז דער וועה — — — — — — — — 34
וואָס קומט ארוים? — — — — — — — — — 36

ער :

א לירישע סצענע — — — — — — — — — 39

דיינע שטיינערדיגע חורבות :

דער לעצטער בארג — — — — — — — — — — 59
אָט באַלד און דורך די געסלאַך דיינע — — — — — 61
א וואלד פון חורבות — — — — — — — — 65
איבער די צודרייטע גאסען — — — — — — — 67
דיינע שטיינערדיגע חורבות — — — — — — — 69

אַלץ נידעריגער :

אַלץ נידעריגער — — — — — — — — — — — 73
אָט איז זי דאָך די וואנט — — — — — — — — 75

אין אמארם מעטשעט :

א טרעפּעל בלויז ארויף — — — — — — — 81
מיט אויסגעטאָנע שיך — — — — — — — — 84

וויא דאלאראסא :

דינג־דאנג — — — — — — — — — — — — — 89

אַ גרויסער, ברוינער מאַרמאָר שטיין — — — — — 92

א לאבארינט — — — — — — — — — — — — 94

אַ מאַרמאָרנער קאַסטען — — — — — — — — — 98

[illegible]
צו זיין געווען.

צו דיינע ברעגען.

צו דיינע ברעגען

צו דיינע ברעגען שווימט מיין שיף אַ רוהיגע אַצינד.
און ווי אַ קינד,
אַן ערשט געבוירענעם און אַ ריינם פון זינד
שטעה איך דאָ צווישען שוויגענדיגע מענשען אויפ'ן דעק
און הער, ווי יעדער בויג פון מאַסטבוים ברענגט מיך צו דיין
ברעג.

צו דיינע ברעגען שווימט מיין שיף אַ רוהיגע אַצינד.

אַ שיפעל מיט אַ ווייסען ליילאַך פאַר'ן ווינד צעוועהט
שווימט אויפ'ן וואַסער, ווי אַ שוואַן די פליגעל אויסגעשפּרייט.
און ביי דעם האָריזאָנט, ווי אונבאַמערקטערהייט,
זיך מיניענדיג אין פּורפּור און אין ראָז
באַווייזט זיך עפּעס אַזאַ שווערעס וואָס.

צו דיינע ברעגען שווימט מיין שיף אַ רוהיגע אַצינד.

שוויג שטיל מיין האַרץ. ניט רייס זיך פון מיין ברוסט אַרויס.
אויב אָפּגענאַרט ווערסטו פון אַ מיראַזש איצט בלויז.
אַ שווערע שיף שניידט ציטעריג זיך אויס
און איבער איר דער כוואַלענדיגער רויך
בלייבט שטיקערווייז, ווי שווערע וואָלקענס, אין דער הויך.

צו דיינע ברעגעץ

צו דיינע ברעגעץ שווימט מיין שיף אַ רוהיגע אַצינד.

דאָס זאָגט מיר אָן דער שטילער ים אַצינד
און אויך דער לייכטער ווינד,
וואָס האָט זיך פלוצלינג, ווי אַ קינד
אַזוי־אַ שטיפעריש און מילד
פאַר טאַטע־מאַמעס הויז צושפּילט.

צו דיינע ברעגעץ שווימט מיין שיף אַ רוהיגע אַצינד.

צוועלף

צו דיינע ברעגען ז. וויינפער

און פלוצלונג איז פון ים.

און פלוצלינג איז פון ים אַ וואסער־פאס געוואָרען בלויז
און קנייטשענדיג זיך, ווי אַ שטערען פון אַ גרייז פארקלערט,
ציהט ער אַ בלויער צווישען בלויע בערג זיך אויס.

די זון פארגעהט. און אויף אַ שפּיץ פון גרוילאכען גראניט
האָט עפּעס טאַנצענדיגעס אין קאָלירען זיך צושפּילט
און גלייך נאָכדעם אין ראָזעווען צוגליהט.

אַ פישער אַנקערט אָפּ זיין פישער־שיפעל פונ׳ם ברעג
און שפּרייטענדיג די ליילאַכער, ווי פליגעל פאר׳ן ווינד
לאָזט ער זיך צו דער נאַכט אין ים אַריין אַוועק.

און אין דער הויך אַ שעפּסעל צווישען זיינע שטאַרקע פיס
געפּרעסט
שניידט דורך זיך ווי אַ שטורעם אין דער מדבר
דער בערגיג־שטאַרקער אָדלער צו זיין נעסט.

פּערצען

ז. ווײַנפּער

אַלץ נעהענטער.

אַלץ נעהענטער דערנעהענט זיך די שיף צום ברעג.

שוין גרויען זיך די בערג ביים האָריזאָנט
און וואָלקענדלאַך, זיך בייטענדיג פון פיאָלעט און בלאָנד
פּאַוואָליע ציהען שירות-ווייז זיך שטיל וואוהין אַוועק.
ווי סטאַדעס שאָף, וואָס ווייסען שוין אַ היים דעם וועג.

אַלץ נעהענטער דערנעהענט זיך די שיף צום ברעג.

אַ כוואַליע ציטערט אויף און פאַלט אַ רוהיגע צוריק אַוועק
און שטעהענדיג אַ שווייגענדיגער אויפ'ן דעק
קוקט אוים פאר מיר דער אַלבער-קרייז פון ים
ווי שפיגעל אין אַ פיאָלעט-באַזוימטען ראַם,

אַלץ נעהענטער דערנעהענט זיך די שיף צום ברעג.

אַ וואַסער פויגעל הויבט זיך אויף מיט רעש פון וואו
און גלייך נאָך אים אַ מחנה, שטערענדיג די רוה.
איך הויב די אויגען אויף און, ווי מיך גריסענדיג מיט פרייד
קרייזט איינער איבער מיר זיך הער און הין, די פליגעל
אויסגעשפרייט.

אַלץ נעהענטער דערנעהענט זיך די שיף צום ברעג.

דרייצען

אין באן.

אין באַן.

קלאַפּט און קלאַפּט און קלאַפּט די באַן
איז אַ ברייטע וועלט פאַראַן.
יאָג איך אום זיך פראַנק און פריי
פעלד און וואַלד און שטאָט פאַרביי
און עס אַרט מיך קיינמאָל ניט,
ווען עס טרעפט זיך אין דער מיט
פון מיין וועג און מיין געלויף
באַרג אַראָפּ און באַרג אַרויף.
ווער עס איז געבויט פון שטאָל
דעם איז גאָרניט באַרג און טאָל!

קלאַפּט און קלאַפּט און קלאַפּט די באַן
איז אַ ברייטע וועלט פאַראַן.

קוק איך דורך אַ שויב אַרויס,
פליהט פאַרביי אַ בוים, אַ הויז.
פליהט און פליהט אַן אייזען-בריק
גלעט אַ טייך מיין מידען בליק.
אָט אַ פאַסטוך מיט זיין פיה
טוט מיין האַרץ אַ ריס, אַ ציה.

אין באַן

ז. וויינפּער

אָט אַ פעלד מיט גרינעם גראָז
שוועבט פאַר מיר אַ בילד פון וואָס.
אָט אַ באַרג און אָט אַ טאָל
פליהען, שוואונדען מיט אַמאָל.

קלאַפּט און קלאַפּט און קלאַפּט די באַן
איז אַ ברייטע וועלט פאַראַן.

רוק איך זיך פון פענסטער אָפּ
און איך שפּאַר מיין מידען קאָפּ
אָן דער האַרטער, קאַלטער וואַנט.
שוועבט אַרויס פאַר מיר אַ לאַנד
בערג און טאָלען הויך און ברייט
ניט באַטראָטענע, פאַרוועהט
און אַ בלודנע, היימלאָז קינד
אַ געיאָגטעם פון׳ם ווינד
און אַ בייזע, שווערע האַנט
פליה איך איצט צו יענעם לאַנד.

קלאַפּט און קלאַפּט און קלאַפּט די באַן
איז אַ ברייטע וועלט פאַראַן.

פון אונזער לאנד.

א בראָנזענער רײַטער.

אַט זײַנען מיר ווידער.
דורך בערגיגע וועגען־צודרייטע.
די טרים דאָ געטראָטענע־לאַנג שוין פאַרוועהטע;
דאָך געהען מיר ווייטער און ווייטער.

אַט זײַנען מיר ווידער.

א בראָנזענער פערד
און פונקט אזא בראָנזענער רײַטער
פאַרזונקען אין שטענדיגען שווייגען.
און מיר נאָך זיין שווייגענדען צייכען
אַט פאַלען,
אַט שטייגען.

אַט זײַנען מיר ווידער.

די בערג, —
פרימאָרגען אין גאָלדענער רויטקייט זיך שפּילען.
און פאַלט אָן די נאַכט
דאַן הויבען זיי אָן זיך אין שאָטענס צעהילען.

און אונזערע הערצער,
ווי אַטאַ דאָס שפּיל פון די בערג אין קאָלירען
אָט גאָלדענע רויטקייט,
אָט טונקעלע שאַטענס
אין לופטען דערשפּירען.

אט זיינען מיר ווידער.

ז. וויינפער

א רוקען פון א ריז.

א רוקען פון א ריז,
וואָס האָט אמאָל, אמאָל
דורך שווערד און שפּיז
זיין שווערען קאָפּ
א וואַרף געטאָן צו דרערד.

און איבער אים
די זון,
געהט יעדען מאָרגען גאָלדיג אויף
און צו דער נאכט נאָך גאָלדיגער אראָפּ
און קוקט,
ווי ווערים אלערליי זיך טאטשען אין זיין לייב.

א רוקען פון א ריז.
און ערגיץ אין דער ברייטער ווייט
די קינדער פון דעם זעלבען ריז
אין שטענדיגען געטרייב
פון אָט דעם זעלבען שווערד און שפּיז.

אונ ערגיץ אין דער ברייטער ווייט
די קינדער פון דעם זעלבען ריז
אין שטענדיגען געיעג
פון וועג צו וועג,
פון וועג צו וועג
דורך פונקט אזעלכע ווערים.

און דאך.
די זון,
געהט יעדען מארגען גאָלדיג אויף
און צו דער נאכט נאָך גאָלדיגער אראָפּ.

ז. וויינפער

בלוי אויגיגע קינדער.
די הימלען:

בלוי־אויגיגע קינדער.
פארשפיל איך מיין בליק אין די קינדער.
און טרעפט זיך:
מיין בליק שלאגט זיך אן אן בערגיגע שפיצען,
וואס וויגען זיך אום אין די הויכען;
דערזעה איך:
בלוי־אויגיגע קינדער,
מיט לאקען צעוואָרפענע
און ניט אויסגעקאמטע,
וואס קוקען אויף מיר, ווי יתומים.

די הימלען:
בלוי־אויגיגע קינדער.
און בערגיגע שפיצען,
ווי לאקען צעוואָרפענע
און ניט אויסגעקאמטע.
פארשפיל איך מיין בליק אין די קינדער

און שפּילענדיג, הער איך:
די ציטריגע טריט פון א מאמען,
וואָס בלאָנדזשען
און קאָנען דעם וועג ניט געפונען.

און שפּילענדיג פיל איך,
אז אָט אָט, און זי וועט א ווייסע
א הער זיך באוויזען
אין איין האַנט אַ גאָלדענע קאַם וועט זי האַלטען
די צווייטע געשטרעקט צו די קינדער
און אָטאָ די לאָקען צעוואָרפענע
און ניט אויסגעקאַמטע
וועט זי אַזאַ גוטע
פאַרגלייכען,
פאַרקאַמען.

ז. וויינפער

א בלודנע שאף.

און אט אזוי איז דאס געווען;
א בלודנע שאף
האט אויף א פעלד א וואלף דערזעהן.

עס פאלט דאס בוך ארוים פון מיינע הענט
און לעגט זיך אויף די קניה.
און גלייך א כישוף־שטעקעלע
וואלט זיך געטאן פאר מיר א ציה
און מיינע אויגען מיר פארבלענד
איז מעהר ניטא פאר מיר:
דאס בוך, דער טיש און אויך דאס הויז.
נאר אזא ווייסע־נאכטיג־דרעמעלדיגעס־לאנד
שפרייט כישופ׳דיג פאר מיר זיך אויס.
און כאטש איך בין אין אט דעם לאנד
דאס ערשטע מאל אצינד
איז דאך מיר אלץ דא פיינליך נאהענט און באקאנט.

און אט אזוי איז דאס געווען;
א בלודנער שאף
האט אויף א פעלד א וואלף דערזעהן.

איך ליג א שווייגענדיגער אויף דער ערד
און הער זיך איין
צו עפּעס אזא אומעטיג געוויין,
וואָס הייבט זיך אויף פון טאָל
און ווערט צוגאנגען אין דער נאכט.
און הערענדיג
צעוויינט זיך אויך אין מיר מיין הארץ.
עס דאכט זיך אויס,
ווי אלץ ארום
וואָלט אימיצען באקלאָגט
און אט דער אימיצער
איז לאנג, שוין לאנג צוריק
אמאָל,
אמאָל
פון נאָך אן אימיצען
געוואָרען, ווי א הונד פאריאָגט
און ערגיץ אין א ווייטען לאנד
זיצט דער פאריאָגטער וואו, ווי איך אצינד

ז. ווײַנפּער

און טראַכט
פון עפּעס, וואָס איז ווען
אַמאָל,
אַמאָל
מיט אים געשעהן;—

אַ בלונדע שאָף
האָט אויף אַ פעלד אַ וואָלף דערזעהן.

א בלויער פּאַס.

א בלויער פּאַס הויבט אָן ארום וויקלען דעם האָריזאָנט
און העלער ווערט דאָס בלויקייט באַלד
און מיניעט זיך אין בלאַנד.
און ווי מיט דינע, ציטעריגע פינגער אומבאַמערקטערהייט
הויבט אויף די נאַכט דעם שלעפּ פון קלייד
און לאָזט זיך געהן מיט גיכע טריט.

אַ טיפער טאָל
און איך אין אים
מיט אויגען אָפענע
קוק אויף די בערג ארום,
וואָס רייסען זיך און מיניען זיך אין בלויען הויך
און עפּעס שעפּטשעט אין מיין הארצען שטיל
און עפּעס שרייט
צו דעם,
וואָס האָט זיך איבער זיי
אין אזא גאָלדענקייט צוברענט.

דרייסיג

ז. וויינפער

איך שטעה אין טאָל
פון מאָרגען-ליכט פארבלענד
און מיט צונויף געדריקטע הענד
קוק איך א שווייגענדער ארום
און ווייס ניט:
צי זיי אויסשטרעקען
און פונקט אזוי,
ווי אַרום מיר דער טוי
דעם העלען טאָג אנטקעגען געהן
און דאן ווי ער אזוי פארגעהן,
צי גאָר פארדעקען מיין געזיכט
פאר אָט דאָס ליכט,
וואָס פליסט, ווי שארפער ווייַן
צו מיר אין הארץ אריין.

איך שטעה אין טאָל פון מאָרגען זון פארבלענד
און שטייפער דריקען זיך צענויף די הענט.

איין און דרייסיג

אזוי האב איך זיך, אַט דאָס לאַנד.

אזוי האָב איך זיך אַט דאָס לאנד
דורך טעג און נעכט געמאָלען.
און איצטער איז מיר אלץ באקאנט:
די הויכע בערג, די טיפע טאָלען.

די טאָלען זיינען דאָרטען ווילד,
די בערג מיט שארפע שפּיצען.
און מענשען געהען איינגעהילט
און שארפע מעסערס בליצען.

נאָר ווייסע זיינען דאָרט די נעכט
און גרויסע דאָרט די שטערען.
וואלט נאר דאס שטענדיגע געפעכט
דאָס שטילקייט ניט צושטערען.

ז. וויינפער

עס יאגען רויבער זיך אויף פערד
מיט שארפע אייזערנע כלי־זין.
און ערגיץ צו דער הארטער ערד
די מענשען טוליען זיך אין רייהען.

און אימיצענס א שווערע האנט
האלט בלויז אין איין צושטערען.
און עמיץ צו א קאלטער וואנט
קלאפט מיד זיין ברענענדיגען שטערען.

נאָך שווערער איז דער וועה.

נאָך שווערער איז דער ווערה,
נאָך טיפער איז די שאַנד.
א ביקס אָן אַנגעלאָדענע האלסטו אין האנט
און שארף דער באיאָנעט.
ווי שפיגעל איז זיין גלאַנץ.
הע שטן מיינער!

צעטראָטען פון דיין ווילדען וואקכאנאליע טאַנץ
דרעה איך זיך, ווי אַ שלאַנג
אַהין און הער
צושניידענדיג דאָס לייב מיינס מיט מיין אייגענעם געווער.

נאָך שווערער איז דער ווערה,
נאָך טיפער איז די שאַנד.

ווי ווערה דעם וואָרים-טוט
דעם פערד׳ס אַ שווערער טראָט
מעהרער ווערה
טוט ער צום שלאַנג, וואָס האָט

ז. וויינפער

אַ גיפט אַ טויטענדיגען אויפ׳ן צונג.
העי שטן מיינער!
נאָר בלויז איין פלינקען שפּרונג
און אין דיין גראָבען האַלז
אַריינשטעכען אַזאַ־אָ בּיס!
אַ שלאַנג אָ גיפטיגער בין איך אַצינד,
אַ שלאַנג אָהן הענט, אָהן פיס.

נאָך שווערער איז דער וועה,
נאָך טיפער איז די שאַנד.

וואָס קומט אַרוים.

וואָס קומט אַרוים ?
דו פּוצסט דיין ביקס היינט אוים
און גערזסט, ווי יעדען טאָג אַרוים
און שטרענגסט דיין אויג אָן און די צילסט:
פאַלט דען די קויל, וואוהין דו ווילסט ?

וואָס קומט אַרוים ?
דער צייכען אויפ'ן ברעט איז שוואַרץ ?
דאָס שוואַרץ איז אָבער ניט דאָס האַרץ
פון יענעם רויבערישען פיינד
נאָך וועמעס בלוט עס דורשט דיך היינט.

וואָס קומט אַרוים ?
צו שיסטו שלעכט, צו שיסטו גוט,
אויף יעדען שטיין דיין אייגען בלוט
און דו ביזט דאָ מיט דיין געוועהר
אַ ליאַלקע בלויז און גאָרניט מעהר.

וואָס קומט אַרוים ?

ער.

פינף א זייגער פארנאכט. די בער־ גיגע געגענד שפּילט זיך אין שיין פון דער אונטער געהענדיגער זון. פון הינטערגרונט ווייסלען זיך די הייזלאך פונ׳ם דערפעל „נס ציונה“ רעכטס ברוינלאכע הייזלאך פון אן אראביש דערפעל. דאָ און דאָרטען אויסגעטראָטענע וועגען אויף וועל־ כע עס בלאָנדזשען פארביי: אָט אן אראבער אין זיין צוריסענע אבאיע, אָט אן אווסטראלישער סאָלדאט אין זיין פארבויגענעם קאפּאלאָש אָנגעטאָן. א אידישער קאָלאָניסט הויבט זיך אויף א בערגעל און פארלירט זיך אויפ׳ן וועג קיין „נס ציונה“. א מינוט שפּעטער קומט אָן א גרופּע אידישע אר־ בייטער און זינגען:

ער

בּרויגלאַכע בערגלאַך
מיט בוימלאַך באַזעצטע,
בלימלאַך און גראָזען
מיט טויען באַנעצטע.
וויגען זיך צווייגען
אין זון-ליכט און גלאַנצען
און אויף די צווייגען
זיך גאָלדען מאַראַנצען,
דאָ און דאָרט הייזלאַך
באַ׳חנ׳טע אַזוינע.
אָט אַזוי ליגט זיך
אין וועג נס ציונה.

און אַז די זון לאָזט
פאַרנאַכט זיך אַרונטער;
ווערען קאָלירען
דאָרט בונטער און בונטער.
פויגעל און גלייכע,
מושטירענדע רייהען

ז. וויינפער

טוען אַ הויב זיך
פון ווייט מיט געשרייען,
און ווי די פויגעל
אין דאָרף: נס ציונה
שפּילען זיך קינדער
מיט פּנים׳לאַך ברוינע.

פאַרט ווען אַ רייטער
פאַרביי אויף אַ פערידע
ווערען פון שעהנקייט
פאַר׳כישופ׳ט זיי ביידע.
ער גלאַצט די אויגען
און זי קוים זי רירט זיך
ביז אָט דער ישוב
פון הינטען פאַרלירט זיך.
מאַכט ניט צי איז ער
אַ פריינד, צו אַ שונא;
יעדער מוז בענשען
אין וועג: נס ציונה.

איינער טיילט זיך אָפּ פון דער
גרופּע, פאַרנעמענדיג זיך אויף אַן
אַנדער וועג.

דער איינער:
שלום חברים.

די איבעריגע:
אויף מאָרגען אין כרם.

אַלע אויסער דעם איינעם פאַר־
לירען זיך. דער לאָזט זיך געהן לאַנג
זאַם, ברומענדיג פאַר זיך:

פאַרט ווען אַ רייטער
פאַרביי אויף אַ פערדע
ווערען פון שעהנקייט
פאַר׳כישופ׳ט זיי ביידע.

אַ גרופּע אידישע לעגיאָנערען געהען
פאַרביי אין געמאָסטענעם טראָט,
אנגעטאָן אין קריגס - אויסשטאַ־
טונג און זינגען:

צוויי און פערציג

ז. וויינפער

אין אַ צייט פון בלוט און אייזען
האָט זיך אונזער זון צוגליהט,
גאָט וועט גרויסע וואונדער ווייזען
אויפ'ן וועג דעם אינגען איד.

געהען מיר דורך בלוט און אייזען
מוטיגע אויף אונזער ערד—
שפּעטער וועט אין אַקער־אייזען
איבער שמידען זיך די שווערד.

אויף די בערג און אָט די טאָלען
האָט די וועלט דאָס ליכט דערזעהן.
אויף די בערג און אָט די טאָלען
איז דאָך אונזער היים געווען.

איצטער זיינען מיר דאָ ווידער
ניט צוגעהן שוין מעהר צוריק,
מוטיג מיט געווער און לידער
קעמפּפען מיר פאַר אונזער גליק.

דריי און פערציג

ער

אין אַ צייט פון בלוט און אייזען
האָט זיך אונזער זון צוגליהט.
גאָט וועט גרויסע וואונדער ווייזען
אויפ'ן וועג דעם איינגען איד.

און נאָך העלער זיך צוגליהען
וועט די זון אויף באַרג און טאָל
און דאָס לאַנד וועט ווידער בליהען
פאַר דעם אידען, ווי אַמאָל.

פאַר דער צייט, וואָס זיי געהן און זינגען שטעהט דער ארבייטער אין א פּאָזע פון שטאָלץ, און ווען זיי פארלירען זיך אינגאנצען פארנעמט ער זיך אויף אַן אנדער וועג. די בערגלאך הויבען זיך אָן צו שאָטענען פונ'ם זונען - אונטערגאנג, נאָר „נס ציונה" באָדט זיך נאָך אלץ אין ליכט. אויף א בערגעל הויבט זיך אויף א לעגיאָנער, אונבעוואפענט,

פיר און פערציג

ז. וויינפער

דעם גארטעל נאכלעסיג פארוואר־
פען איבערען אקסעל און דעם טור־
ניק צושפיליעט. קוקט א רגע אויף
דער נעגענד און לאזט זיך ארונ־
טער לאנגזאם, זינגענדיג פאר זיך
אליין:

אויף די בערג, און אט די טאלען
האט די וועלט דאס ליכט דערזעהן.

א גרופע אראבער נעהען פארביי
און באגריסען אים:

סאהידא.

לעגיאנער:

סאהידא.

אראבער: (נויגענדיג זיך)

כולה יהוד קווייז־קאטיר.

לעגיאנער: (פארוואונדערט)

כולה יהוד קווייז־קאטיר?

פינף און פערציג

די אראבער נעהען אוועק, נויגענ־
דיג זיך. ער שטעהט א רגע פאר־
טראכט דערנאָך צוזינגט ער זיך,
פריהער שטיל און שפּעטער מיט
מעהר עקסטאַז.
ווי רוישיגע כוואַליעס
אין ים זיך פאַרלוירען
זיינען מיר איצט דאָ
און מחנות צושפּרייט.
ווערט ערגעץ אַ ריז דאָ
איצט ווידער געבוירען?
ברעכט אימיצער אפשר
פון קנעכטשאפט די קייט?

פארשטויבטע די קליידער
דורך בלוט און דורך אייזען
זיינען מיר אַלע
פון וועגען שוין מיד.
וועט אפשר פון וואַנען

דער ריז זיך באַוויזען
פירען אונז מוטיגע
נאָך זיינע טריט?

עס שפּילען די בערג זיך
אין ליכט און אין שאָטען,
ציהענדיג שטום זיך
פאַרביי אונזער וועג.
אַמאָל און אַמאָל האָט
א ריז דאָ געטראַטען
איז ער פון דאַנען
אויף וועגען אוועק.

ווי רוישיגע כוואַליעס
אין ים זיך פאַרלוירען
זיינען מיר איצט דאָ
אין מחנות צושפּרייט.
אַ ריז ווערט דאַ ערגיץ
ווידער-געבוירען.

ער

אימיצער ברעכט דאָ
פון קנעכטשאפט די קייט.

א רגע שטעהט ער א באגייסטער־טער פון דער געגענד און זיין גע־זאנג, און דערנאָך הויבט ער אָן לאנגזאם אוועק צו געהן. אין דעם מאָמענט, ווען ער האלט שוין אין פארלאָזען דאָס ארט דערהערט זיך פלוצלונג א געזאנג פון א וויי־כער מיידלעשער שטימע:

בלויע נעכט און ווייסע טעג
פאָרט א רייטער אויפ׳ן וועג.

נאָך געלאָזט פון האַנט די צוים
און דאָס פערד עס רירט זיך קוים.

רייטער, רייטער אויפ׳ן פערד,
האָסטו זיך פון מיר פארקלערט?

בלויע נעכט און ווייסע טעג
קוק איך אוים דיך אויפ'ן וועג!

לעגיאנער הייבט אויף די רעכטע האנט צו די אויגען און קוקט אין דער ווייט,אזוי ווי ער וואָלט וועלען כאפען מיט'ן אויג, ווער עס זינגט, נאָר באלד לאָזט ער זי ארונטער.

לעגיאָנער: (פארטראכט)

בלויע נעכט און ווייסע טעג
קוק איך אוים דיך אויפ'ן וועג.

א רגע שטעהט ער אין א פארטראכטע פּאָזע און פלוצלונג אויפגערעגט.

ער

דאָך ניין!
ניט בלויע זיינען נאָך די נעכט.
ניט ווייסע נאָך די טעג.
און ווייזט זיך אימיצער
צו אונז פון וועג
איז ער קיין רייטער ניט.
נאָר מידע שלעפּט ער זיינע טריט
און אויף אַ שטעקן איז ער אנגעלענט.
און שטרעקן מיר אַמאָל אין שווייגענדען געבעט
צו אים די הענט
איז פאַלען זיי מיט ליידיגען צוריק...

אין דעם מאָמענט באווייזט זיך דאָס מיידעל. אַ צוואַנציג יאָ־ריגע ברונעטין מיט אַ ווייסען טי־כעל ארום געבונדען ארום איר שווארץ געלאָקטען קאָפּ־האָר. אין איין האנט האַלט זי אַ קראַנץ פון רויטע בערג־בלומלאַך.

פּופּציג

ז. וויינפער

לעגיאָנער: (ניט זעהענדיג זי זעצט כּאָר אין עקסטאַז)

נאָר קומען וועט ער דאָך!
אָט זעה איך זיין געשטאַלט
זיך נויגענדיג אַלץ נעהענטער אַהער
און שאָ.
מיר דאכט זיך, אַז איך הער,
ווי ריטמיש און גארצירעניג עס טרעט
זיין שעהנער, ווייסער פערד
דאָ ערגעץ אינ׳ם טאָל.

דאָס מיידעל: (צושפרונגענדיג צו אים)

יאָ, יאָ,
ער מוז דאָך זיין דאָ נאָכאַמאָל!

לעגיאָנער:

און דאָס מאָל מעהר שוין ניט אַוועק,
דען פול מיט דערנער איז דער וועג.
און כאָטש זיין זיץ

איין און פופציג

ער

איז אויף אַן הויכען ווייסען פערד
איז דאָך זיין לייב
צושטאָכען און פאַרצערט.

דאָס מיידעל: (וועהמוטיג)

אַ לאָזט,
אויף וועלכען וועג האָט איר אים דען
אַזאַ פאַרמאַטערטען געזעהן?

לעגיאָנער:

צו איך האָב אים אין וועג
אַן אויסגעמאַטערטען געזעהן?

(צו זיך)

נו ווי זשע דען,
נו ווי זשע דען.

לעגיאָנער: (צו איר, אָנצייגענדיג אויף זיינע קליידער)

ווען ניט,
וואָלט איך דען אָט די קליידער אנגעקליידט?

ז. ווייגפער

דאַס מיידעל:
וואָס מיינט ער,
איך פאַרשטעה ניט זיינע רייד!

פון ווייטען דערטראָגען זיך שטימען
אין אַ כאָראַלישען געזאַנג.

טעג נאָך טעג און נעכט נאָך נעכט
אין דעם בלוטיגען געפעכט.

טעג נאָך טעג און נעכט נאָך נעכט
פאַר די קליינע פעלקער־רעכט.

טעג נאָך טעג און נעכט נאָך נעכט —

לעגיאָנער:

דאָס זיינען די קינדער פון אויסטראַליע,
וואָס האָבען רוישיג, ווי אַ כוואַליע
אַ לאָז געטאָן זיך פונ׳ם ים אהער.

דריי און פופציג

ער

דאַס מיידעל: (אויפגעציטערט)

און צווישען זיי איז ער! דאָך ער.

פון ווייטען זעהען זיך א גרופּע
אוסטראַליער אויף פערד. איינער
פון זיי טיילט זיך אַפּ און לאָזט
זיך אויפ׳ן וועג קיין נס־ציונה.
ער זינגט:

העי, פערד מיינס, העי, פערד מיינס,
דו פריינד מיין געטרייער!
אזוי ווי דער ווינד דאַ
אויף זאַמדען אַ פרייער,
אַ טראָג טו מיט מיר זיך
צום דאָרף נס־ציונה.

פיר און פופציג

עס זיינען די מאַנדלען
דאָרט זיסע און ברוינע,
נאָר ברוינער די בעקלאַך
און זיסער דער קוש פון מיין חנה׳ן!—

דאָס מיידעל: (פאָכענדיג אין לופט מיט די בלומען)

הא-הו! הא-הו!!
(צו זיך פאַרדרוסליך)
ער קאָן מיך ניט זעהען פון דאַנען.

וואַרפט א בליק צום לעגיאָנער און
געהט אוועק מיט שנעלע טריט. פון
ווייטען הערט זיך א געזאַנג:

אויף די בערג און אַט די טאָלען
האָט די וועלט דאָס ליכט דערזעהן.

לעגיאָנער : (צובראָכען)
אויף די בערג און אַט די טאָלען
איז דאָך אונזער היים געווען.

דיינע שטיינערדיגע חורבות.

דער לעצטער באַרג.

דער לעצטער באַרג.
עס שלענגעלט זיך די באַן פאַרביי אים.
אַט אַט, און אויפהויבען וועט זיך פאַר מיר ירושלים.
עס קלאַפּט מיין האַרץ, און ברייט צועפּען איך די אויגען;
אַ קעמעל־קאַראַוואַן די העלזער אויסגעצויגען
לאָזט וויגענדיג זיך פּינ׳ם באַרג אַרונטער
און איבער זיי אין גאָלדיג רויטען צונטער
דער באַרג און הימעל נעמען זיך צוגליהען
און ווי אַן אייביגקייט די רגע׳ם ציהען זיך און ציהען.

דער לעצטער באַרג.
עס נעמט זיין שפּיץ נאָך רויטערער זיך איצט צעצונדען.
געהט דאָס די זון ערשט אויף? צו ווערט זי שוין
פאַרשוואונדען?

איך ווייס דאָס ניט, און וויל דאָס גאָר ניט וויסען.
עס לויפט די באַן און ווי אַ חיה פון אַ שלאַנג געביסען
הויבט זי זיך אָן מיט ווילד־צעברילענדע געשרייען
אַרויף אַ באַרג אין זיגזאַגען צו דרעהען.

דיינע שטיינערדיגע חורבות

און פלוצלונג: אַ כוואַליע פון קופּאַלען און פון שפּיצען
אין רויטקייט פון דער זון הויבט אן צעוויגען זיך אין בליצען

דער לעצטער באַרג.
עס שלענגעלט זיך די באַן פאַרביי אים,
אַט אַט, און אויפהויבען וועט זיך פאַר מיר ירושלים.

ז. ווײַנפּער

אַט באַלד.

אַט באַלד, און דורך די געסלאַך דײַנע פּאַלען װעלען מײַנע טריט.

די זון האָט הויך אין הימעל זיך צוגליהט
און אין איהר גליה
האָט פּלוצלונג אַזוי ברײט
דער קדרון-טאָל זיך פאַר מײַן בליק געטאָן אַ שפּרײט.

איך נידער שװײגענדיג אַראָפּ
און עפּעס טוט אַ מיש זיך אין מײַן קאָפּ,
אַט מאָלט זיך פאַר די אויגען מײַנע אױס
אַ װינטערדיגער אָװענט ערגעץ אין אַ הױז.

דער פראָסט קוקט דורך די שױבען הײמלאַכדיג אַרײַן
און בײַם דעם הײסען אױװען אין דעם װײַכען לאָמפּען-שײַן
און מאַמעס שוים פאַרװיגט, פאַרגלעט אין אנגענעמע רוה
ליג איך אַ שװײגענדער און הער זיך צו:

„און פאַר דעם קעניג דוד'ס בעט,
די הענט פאַרבראָכען אין געבעט
האָט דאָן בת שבע פרום אװעק-געקניהט"

איין און זעכציג

עס רייסט מיין מאַמע איבער דאָס דערצעהלען אין דער מיט
און איך פון מאַמעס הענט פאַרוויגט, פאַרגלעט
זעה לעבעדיג בת-שבע'ן פאַר'ן קעניג'ס בעט
און ער ?...
נאָר וואָס דערצעהלט די מאַמע שוין ניט מעהר ?
עס טוט פון שוים מיין קאָפּ זיך לייכט א ריר
און ווידער נעמט איר קול זיך וויגען איבער מיר:

און ליגענדיג א מידער אויף זיין בעט
האָט צו בת שבע'ס פרום געבעט
דער קעניג דוד צוגעהערט.
— שפּאַנט איין דאָס קעניגליכע פערד
געוועזן איז נאָכדעם זיין באפעל
און ווי א פייל פון בויגען, יאָגענדיג זיך שנעל
באַלייט פון כהן און פון מענשען ווינציגע אין צאָל
איז שלמה אָפּגעריטען אין'ם קדרון-טאָל.

אַט באַלד און דורך די געסלאַך דײַנע וועלען פאַלען מײַנע
טריט.
איך וואַקעל זיך אויף שטיינער און איך פּיל זיי ניט.
פאַוואַליע ווערט פאַרשוואונדען הינטער מיר דער טאָל
און פאַר די אויגען מײַנע טוט זיך מיט אַמאָל
אַ הויב דער טויער גרוי אַזוי און שווער
און ווי אַן אומרוה וויגט מײַן האַרץ זיך הין און הער.
א זקן מיט אַ גרויסער, גרויער באָרד
פאַלט צו דער ערד
און קושענדיג דאָס אָרט
טוט ער אַ צייט זיך ניט קיין ריר
און פלוצלינג וואַקסט אַ לעבעדיגער אויס פאַר מיר
דער גרייז,
וואָס האָט אַמאָל זיך אין אַ ווינט־שיפעל געלאָזט אַ הער
אין יענער קושענדיג דאָס אָרט, ווי דער
רירט אויך אַ צייט זיך ניט פון אַט דער ערד.

איך שטעה.
אַרויף אַ באַרג טוט עפּעס אַ קאָליר זיך און אַ וועה,
גארצירענדיג קומט אָן אַ רייטער אויף אַ פערד
און רייטענדיג גלאַנצט קעגען זון זיין שטאָלענעס געווער.
—העי רייטער דו!
ווי יענער גרייז
קום איך אַצינד אויך בענקענדיג אַהער
אַ היים צו בויען זיך אין שטילער רוה
—העי רייטער דו!
עס פאַלט צום באַיאַנעט מיין האַנט אַ שטייפע צו...
דער רייטער פארט אַ רוהיגער דורך מיר פארביי
און אויפגעהויבען הויך דעם קאָפּ און פריי
געה איך אַ וואַקלענדער אויף שטיינער און איך פיל זיי ניט
אַט באַלד אין דורך די געסלאַך דיינע פאַלען וועלען מיינע טריט.

ז. ווײַנפּער

עס טאַנצט מײַן האַרץ.

אַ וואַלד פון חורבות און פאַרגרויסטן טויער.
עס טאַנצט מײַן האַרץ פון פרייד און טרויער
און שווער זיך נעמען מײַנע טריט באַוועגן.
אַט שפּרייטען זיך שוין מיר אַנטקעגן,
ווי קעלערס אונטערערדישע, פאַרשפּאַרטע
די שמאָלע געסעלאַך, די לאַנג-געגאַרטע.

אַ ברוינלאַכער אַראַבער מיט אַ האַלז, אַ דאַרען
קומט, ווי אַ קאַץ זיך שטיל צושאַרען
און זעהענדיג אַ זעלנער זוכען עפּעס מיט די אויגען
הויבט ער זיך אָן צו נויגען און פאַרנויגען
און ווי אַ קנעכט דעם באַלאַבאַס אַנטקעגען
הויבט ער זײַן דינסט אָן פאָרצולעגען.

אַ וואַלד פון חורבות אין פאַרגרויסטען טויער
עס טאַנצט מײַן האַרץ פון פרייד און טרויער.

אַ איד אין אַ געוועלב זיך פאַרענדיג מיט סחורה
הויבט אויף אויף מיר זײַן בליק מיט מורא.

פינף און זעכציג

שלום, - בארוהיג איך אים מיט א טאָן, א ווייכען
און זעהענדיג אויף מיר דעם ברודער-צייכען
הויבט ער פאר נחת אָן די באָרד צו גלעטען
און פריינדליך מיך אין זיין געוועלב פארבעטען.

צוויי פאה-דיגע אינגעלאך מיט גרויסע שווארצע אויגען
פון ערגיץ זיינען לייכט, ווי פויגעל אנגעפלויגען.
— חיל-עברי! חיל עברי! — אָט דאָרטען געהט ער
און איבער געסלאך איינם פון צווייטען נאָך צודרייטער
געה איך א וואקלענדיגער אום צווישען גרויען מויער.
עס טאַנצט מיין הארץ פון פרייד און טרויער!

ז. וויינפער

איבער די צודרייטע גאסען.

איבער די צודרייטע גאַסען
זעהסטו זיי דאָרט אומשפּאַצירען.
שפּילט די זון זיך אין קאָלירען
אויף די קליידער.

בריטע באַלעכאָנען:
קוילען־שוואַרץ און טונקעל ברוינע.
אַנדערע מיט קאַפּעשאָנען
און געגאַרטעלט מיט אַ שטריקעל.
אַט אַבאַיעס און טורבאַנען
בלאַזענדיג זיך, ווי די וועלען
אויף אַ ים, אַ ברייטען.
אַט קאַפּאַטעס גלאַנציגע
מיט גרינע קווייטען.

איבער די צודרייטע גאַסען
געה איך צווישען זיי שפּאַצירען.
און די אויגען,
מיינע אויגען
ווי די זון זיך שפּילען אין קאָלירען.

שוועבען דורך די באַלעכאַנען,
האַלטענדיג אין איין דערמאַנען:
יעזוס קריסטוס.
קומען שווערע אַן צושוואומען
די אַבאַיעס און טורבאַנען,
זינגענדיג אַ לויב מחמד׳ן
און די פּאַלעס אויפגעהויבען
נעמען זיך קאַפּאַטעס וויגען,
זינגענדיג צו גאַט אַ ניגון.

איבער די צודרייטע גאַסען
געה איך צווישען זיי שפּאַצירען.

ז. ווײנפּער

דײנע שטײנערדיגע חורבות.

דײנע שטײנערדיגע חורבות,
נאַקעטע און אונבאַוועגט,
ווי די אויפגעדעקטע ערוות
אונפאַרשעהמט זיך אויסגעלעגט.
דײנע שטײנערדיגע חורבות.

אָט די שפּיצעדיגע שטײנער
און דער גרױלאַכער גראַניט.
ערגיץ לעבט דאָך וואו נאָך אײנער,
וואָס האָט מיט זײן בלוט געהיט
אָט די שפּיצעדיגע שטײנער.

וואו־זשע איז ער אָט דער אײנער
איצטער אין אָט דער מינוט?
אײנגעגעביסען מיט די צײנער
אין זײן אײגען לײב ביז בלוט
שלעפּט ער מיד זיך אויף די שטײנער.

שמאָלע געסלאַך, גרוי און גרויער
טונקעל אָהן א טראָפּען ליכט.
ביי אַן אַלט פאַרגרויטען טויער
איינגעדעקט זיך דאָס געזיכט
וויינט דער נביא אין זיין טרויער.

אלי ניזערינגער.

אלץ נידעריגער.

אלץ נידעריגער, נידעריגער פירט אַהין דער וועג.
און דורך אַ לאַבאַרינט פון געסלאַך לאָז איך זיך אוועק
מינוטען דאַכט זיך מיר גאָר אויס,
אַז קיינמאָל וועל איך שוין פון דאַנען נים אַרויס
און ווי אין אַ פאַרפּלאָנטערטען געוועב דער שפּין,
וואָס רייסט זיך אין פאַרצווייפלונג הער און הין
און בלייבט דאָך מאַכטלאָז שטעקען דאָרט
אזוי וועל איך פאַרבלייבען דאָ אין אָט דעם כּישוף'דיגען אָרט.

אלץ נידעריגער, נידעריגער פירט אַהין דער וועג.

די זון שפּאַרט דאָ און דאָרט אַריין
אַביסעל פון איר שיין
און אלץ איז דאָ אין אַזאַ שלייער איינגעהילט.
און אין דעם שלייער ווערט מיין האַרץ, ווי איינגעשטילט
אָט לאָזט אַ גאַנצע געסעל זיך מיט טרעפּ אַראָפּ
און מיט אַן אַלטער, רויטער פּעסקע אויפ'ן קאָפּ
און לייב מיט שמאַטעס איינגעדעקט און הויל
אַ תּמנ'ער קומט אַן ניט רירעוודיג און פויל.

אלץ נידעריגער

אלץ נידעריגער, נידעריגער פירט אַהין דער וועג.

פון וואַנען הערט זיך אזא שטיל און איינגעהאַלטענעם געוויין?
איך בלייב אַן אונרוהיגער אויף א טרעפּעל שטעהן
און הער זיך צו דעם וויינען איין.
אַ בערדעלדיגער איד לאָזט אין מיין געסעל זיך אריין
און וואַרפענדיג אַ בליק אַ הער און הין
פארשוואונדט ער איילענדיג וואוהין
און צווישען שטיין און גרויליכען גראַניט
געה איך אַ שוויגענדער און פיל, וואוהין עס פירען
מיינע טריט.

אַלץ נידעריגער, נידעריגער פירט אַהין דער וועג.

ז. וויינפער

די וואנט.

אָט איז זי דאָך די וואנט. פון ריזעדיגע שטיינער אויפגעלעגט.
און נעבען איר א איד פארגליווערט — אונבאוועגט,
ווי ער וואָלט דאָ אַ שטומער טייל פון איר.
אַ מהנה בעטלערס טוען זיך אַ וואָרף אויף מיר,
פונקט ווי אַ טשאַטע רייסענדיגע הינט זיך פאר אַ ביין.
און יעדער אויסגעשריי פון זיי פאלט אויף מיין הארצען,
ווי א שטיין.

און ארום איר איין מויער אויפ׳ן אַנדערען אי שווער, אי גרוי.
עס שפרייט דער טאָג אויף זיי זיין טאָג-ליכט אויך אזוי.
אן אלטע פרוי לאָזט וויגענדיג דאָס לעצטע טרעפעל זיך אראָפּ
און גיט ווי איך, דאָס לעצטע קליין-געלט צו די בעטלערס אָפּ.
און זשאַדנע נעמען מיינע אויגען בלאָנדזשען אויפ׳ן
גרויליכען גראניט
און רגעס׳ווייז בלייבט שטעהן מיין האַרץ און רירט זיך ניט.

אליז נידערינגער

אַט איז זי דאָך די וואַנט. איך פיל די קאַלטקייט פון
איר שטיין
און שטעהענדיג אַזוי הויבט אַן אַ בילד פאַר מיינע אויגען
אויפצוגעהן:
אַ קיים פון מאַמאָרדיגע בערג און צווישען זיי אַ ריזעגער
גיגאַנט,
וואָס הויבט אין לופטען יעדער רגע אויף אַ ברוינע
מוסקול-האַנט
און הויבענדיג זי פאַלט זי יעדע רגע אויף אַן אַנדער שפּיץ
אַ;ן שטיין נאָך שטיין טוט פאַלענדיג צו דר׳ערד אַנטקעגען
זון אַ בליץ.

און אונטען אינ׳ם טאָל אַן אַנדערער די גרויס, ווי ער
כאַפּט אויף די שטיינער, וואַרפענדיג, ווי שפּילציג
הין און הער
צו וועלדער אויסגעשטרעקטע ברוינע מוסקול-הענט
און העכער הויבען זיך ארויף די ווייטע מאַרמאָר-ווענט

זעקס און זיבעציג

ז. וויינפער

ביז איינמאָל אין אַ טאָג גאָר אונבאַמערקטערהייט
אַ טעמפּעל, ווי אַ נייער מאַרמאָר-באַרג אַנטקעגען זון-ליכט
שטעהט.

און דאָן אין ליכטיגע פּאַר יום-טוב טעג.
אויף יעדען בערגיגען און טאָלענדיגען וועג
פון ברענענדיגען זון צוגליהט,
ווי כוואַליעס אויפ'ן ים, דאָס פאָלק אַהער נאָך ליכטיגקייט
זיך ציהט.
און דאָ, דער כהן-גדול אין די ווייסע קליידער אָנגעקליידט.
און אַלע טירען פאַר'ן פאָלק צועפענט אין דער ברייט.

אַט איז זי דאָך די וואַנט, עס קוקען מיינע אויגען צום גראַניט
און רגעס'ווייז בלייבט שטעהן מיין האַרץ און רירט זיך ניט.
פון הינטער מיר הערט שטאַרקער זיך דאָס בעטלערשע
געשריי;
אודאי ווער ווי איך, אַריינגעפאַלען דאָרט צו זיי.
און ביי דער צווייטער זייט פון וואַנט דער איד
שטעהט פּונקט ווי פריהער און ער רירט זיך ניט.

אַלץ נידעריגער

ז. ווײַנפּער

וואָס טראַכט ער דאָרט דער איד אַ שווייגענדער אין זיך ?
פילט ער די שטויביגקייט אַצינד, ווי איך
אַן אָנגעשפּאַרטער אָן דעם גרויען־קאַלטען שטיין ?
איך הויב זיך אויף א פאַרטיגער אַוועק צו געהן
און ווידער גרילצט דאָס בעטלערשע געשריי,
נאָר איצטער אַרט מיך ניט. איך בין א בעטלער צווישען זיי.

אמאָרס מעטשעס.

א טרעפּעל בלויז אַרויף.

אַ טרעפּעל בלויז אַרויף און אַזאַ זויניגקייט אַ שיין טוט מיט אַמאָל.
אַרום אַ רינג פון בערג און מיט אַ שוואַרצליך גלאַנציגען קופּאָל
גיגאַנטיש שטעהט זיך אַ מעטשעט דאָ אין דער מיט.
איך געה אַ שווייגענדער און פיל ניט מיינע טריט,
אָט איז דער שער־הזהב דאָ פאַרמויערט שווער און אונבאַוועגט
און איבער אים דער הר־הזתים מיט די קברים אויסגעלעגט,
וואָס ווייסלען זיך אין גליהענדיגען ליכט.
אַ וועכטער אַנגעטאַן אין אַן אַבאַיע מיט אַ ברוין געזיכט
לאָזט שווייגענדיג פון ערגיץ זיך אַרונטער געהן
און זעהענדיג אַ פרעמדען בלייבט ער אויף אַ טרעפּעל שטעהן.

אמארם מעטשעט

א פויגעל הויבט פון וואנען אזא רוישיגער זיך אויף
און דרעהענדיג זיך איבער אונז אראפ, ארויף
טוט ער זיך מיט א שוואונג א הויב צום העלען ליכט.
וואס וויל פון מיר דער מענש מיט אט דעם ערענסטען
געזיכט?
איך שטעה א שווייגענדער, ווי ער, און לאז די אויגען שטום
פאר זיך
און אין מיין הארצען וויגט זיך עפעס: ווער בין איך?
א קינד, וואס טרעפט דעם טאטענס הויז אין פרעמדע הענט?
פארוואס־זשע פאלט מיין קאפ נית צו צו אט די ווענט
און ווי א קינד מיט שלוכצענדען געוויין
פארנעץ איך נית מיט טרערען יעדען שטיין?

דער וועכטער מיט דעם ברוין געזיכט קוקט אלץ אויף מיר
און פונקט, ווי ער, שטעה איך און טו זיך נית קיין ריר
די אויגען אפענע אזוי פאר זיך.
א רגע פאלט מיר איין, אז איך, בין מער נית איך
א מענש פון פלייש און בלוט,

צוויי און אכציג

ז. ווײנפּער

נאָר אויך אַ קאַלטער טײל פון אַלץ אַרום, וואָס רוהט
דורך דורות אין דעם גליהענדיגען ליכט
און אַט דער װעכטער מיט דעם ערענסטען געזיכט,
וואָס שטעהט און טוט זיך ניט קײן ריר
איז אויך אַ װעכטער איבער מיר.

מיט אויסגעטאָנע שיך.

מים אויסגעטאָנע שיך
און עפּעס אזא הייליגקייט אין זיך
טרעט איך די שוועל אַריבער פון מעטשעט.
אַ טונקעלקייט אַרום. און אויפ׳ן דיל אַ טונקעלער טאַפּעט.
אַראָבער דאָ און דאָרטען אויף די קניה
און טועגדיג פון צייט צו צייט זיך אין פּאָראויס אַ ציה
פאַרגליווערט בלייבען זיי, ווי פריהער מיט פאַרלעגטע הענט.
איך קוק אַ שווייגענדיגער אויף די ווענט
און אומעטום אַ וואו איך טו זיך נאָר אַ קעהר
איז דינע שניצעריי און גאָרניט מעהר.

די הענט געפּרעסט צום האַרץ
און אָנגעטאָן אין שוואַרץ
פאַרנויגט אַ פּריסטער זיך פאַר מיר.
— דו זעהסט אָט יענע טיר?
דאָרט רוהט דער גייסט פון הייליגען מחמד.
און אָט דאָס אָרט אַוואו איך טרעט

ז. וויינפער

דאָס איז פון ריינעם מאַרמאָר־שטיין.
אַ סברה אַז אַללאַ אַליין
האָט איינמאָל אין אַ נאַכטיג־שפּעטער שעה
באַוויזען זיך אָט דאָ.

אַ צאָם פון ריינעם האָלץ און אין דער מיט
אַ מאַרמאָר־ריזענדיגע שטיק גראַניט
ליגט אָפּגעזונדערט שטום פאַר זיך אַליין.
איך לאָז מיט שטילע טריט צום אָרט זיך גען
און הינטער מיר געהט ער אַ פּלאַפּלענדיגער נאָך:
— אָט אָ דער שטיין איז די עקדה דאָך,
וואו יצחק איז צום טאַטענס מעסער גרייט
געלעגען, ווי אַ שעפּסעל שווייגענדיגערהייט
און ווען אַללאַ וואָלט ניט געשיקט פון הימעל דעם באַראַן,
וואָס וואָלט פון יצחק׳ן געוואָרען דאַן?

מיט אויסגעטאָנע שיך
און עפּעס אַזאַ שווערקייט אין זיך

אמארם מעטשעט ז. וויינפער

דרעה איך אַרום זיך איבערען מעטשעט
און אומעטום אַ וואו איך טרעט
מאַכט ענג דער פּריסטער מיך מיט זיינע רייד.
אַ דאַמע פון אַן הויך־געשטעלטען הער באַלייט
באַווייזט זיך פלוצלונג אויפ׳ן טיר
און ווי אַ קנעכט איז ער שוין נעבען איר
זיך נויגענדיג און נויגענדיג צום דיל,
וואו איהרע פים אַהן שיכלאַך פאַלען אין דער שטיל.

זעקס און אכציג

וויא דאלאָראסא.

גלעקער.

דינג-דאָנג !... דינג-דאָנג !...
פון וואַנען קומט דער גלאָקען-קלאָנג ?
איך בלאָנדזשע דורך די געסלאך אום
און מיט אָ ציטעריג געברום
אָ שוועיער בלאָנדזשעט אויך דער קלאָנג:
דינג-דאָנג !

גלאָן-גלין !... גלאָן-גלין !...
ער וויגט און מישט זיך אוים אָט שווער, אָט דין.
א גלח אין אָ שוואַרצען באַלעכאָן
קומט איילענדיג פון ערגיץ אָן
און פינקט, ווי ווער וואָלט זיך געיאָגט נאָך זיינע טריט
פארקעהרט ער זיך וואוהין און ווערט באלד נים.

דינג-דאָנג !...
עס וויגט און שלאָגט זיך אָן דער קלאַנג

אַן װענט פון שטײנער און גראַניט.
מיט שאַרענדיגע שטילע טריט
און מיט אַ צלם אויפ'ן האַרץ
קומט אַן אַ פרוי געקלײדט אין שוואַרץ.

גלאַן-גלין!...
די פרוי פאַרנעמט זיך אויך וואוהין
און מענער, פרויען, קלײן און גרויס,
ווי מילבען וואַקסען פון דער ערד אַרויס
און לאַזען שטים זיך אויך אַהין
גלאַן-גלין !...

דינג-דאַנג !
פון וואַנען קומט דער גלאָקען-קלאַנג ?
איך בלאָנדזשע דורך די געסלאַך אום
און מיט אַ ציטעריג געברום
אַ שווערער בלאָנדזשעט אויך דער קלאַנג :
דינג-דאַנג !

גלאַן-גלין !
עס ציהען מענשען זיך וואוהין
געה איך מיט אַלעמען אויך מיט
צו וואָס ? צו ווען ? עס אַרט מיך ניט.
דורך שמאַלע געסלאַך פירט מײן גאַנג:
דינג-דאַנג !...

וויא דאלאראסא

אַ שטיין.

אַ גרויסער, ברוינער מאַרמאָר שטיין
אַן אויסגעוואַשענער און ריין
ליגט ביים אַריינגאַנג אויפ׳ן דיל.
איך געה פאַרביי אים ציטעריג און שטיל
אַ פרוי פאַרשלייערט אין אַ שוואַרצען קלייד
קניהט פרום אַנידער שוויינענדיגערהייט
און מיט די ליפען טועדיג אַ ריר דעם שטיין
הויבט זי זיך אויף אַוועק צוגעהן.

אַרום אַ דונקעלער און גרויסער קאָרידאָר
און מענשען מיט צופלאָסטע לאַנגע האָר
געקליידט אין באַלעכאָנען פון אַ שוואַרצען קרעפ
באַווייזען זיך אין שוואונדען אויף די טרעפ.
איך שטעה און טו זיך ניט קיין ריר
און פליצלונג פון עפעס אַזאַ סודות-פולע טיר
באַווייזט זיך אימיצער מיט שטילע טריט
און בלייבט אַ רגע שטעהן, ווי צוגעשמידט.

ז. וויינפער

אַ גרויסער, ברוינער מאַמאָר שטיין.
עס לאָזט דער אימיצער צו אים זיך געהן
און פינקט, ווי יענע שוויינענדיגע פרוי
קניהט ער אַנידער אויך אַזוי.
און אויף אַ צלם אין דעם טונקלען קאָרידאָר
מיט נאַכלעסיג צופלאָסטע האָר
און פנים אויסגעבלייכט פון לייד
הענגט ער-דער אימיצער די הענט צועפענט אין דער ברייט.

א לאַבאַרינט.

א לאַבאַרינט פון טונקעלע און גרויסע זאַלען
און אַלץ איז איינגעדעקט דאָ אין וואָלען.
עס בייטען וייך און לייכט פאַר מיינע אויגען זיך די בילדער
און אַ מינוט דערפיל איך, ווי מיין בליק ווערט מילד און
מילדער,
נאר אָט צועפענען אויף ברייט זיך מיינע אויגען:
אַ פריסט שטעהט אויסגעצויגען
און נעבען אים אַן עמיד מיט אַ גאָלדענע איקאָנע.
פון מרים מאַגדאַלענע.
און דאַן די מאַמע מיט איר קליינעם יעזוסען אויף אירע קניהען
און איבער זיי מלאכים'לאַך זיך ציהען.
איך טו אַ טראַט, און ווי דער ערשטער נאָך און נאָך אַזוינע
אין שוואַרצע באַלאַכאָנען און אין ברוינע
צענויף געלעגט די אָרעמס, שווייגענדע. ווי די איקאָנע
און מענשען: מערסטענטייל אין שוואַרצען אַנגעטאָנע

די ליפען איינגעפרעסטע שטייף און שטילע
אַ הערצו ברענגט זיך יעדער פאַר אַן אַנדער פריסט זיין
תפילה.

אַ לאַבאַרינט פון טונקעלע און גרויסע זאַלען.
אין גנה און כישופ'דיג פארשוואונדען די וואָלען
און קלאָרער נעמען זעהען מיינע אויגען:
אַ וואַלד פון גאָלד מיט דיקען שטויב פאַרצויגען
און אומעטום איז יעזוס אויסגעמאָלען:
אָט ווי אָ פאַסטוך צווישען די גלילער בערג און טאָלען
די שעפסען בלאָנדזשענדיגע צווישען דאַרע גראָזען
און ער אַליין די האָר פון ווינד צעבלאָזען,
אַ בלאַסער און אַן אָפגעצערטער
זיצט אויף אַ שטיין אַ טיף פאַרקלערטער.
און אָט אַן אַנדער בילד:
די ליפען ביז'ן בלוט פאַרביסען
און אין די הענט דעם גאַרטעל אין דער לופט פאַרריסען

וויא דאלאראסא

אַנטקעגען די, וואָס האָבען אינ׳ם טעמפּעל אַלע ריינסטע ערטער
אין רוישענדיגע מערק פאַרוואַנדעלט,
וואָו פערד און שעפסען ווערען אויסגעהאַנדעלט.

אַ לאַבאַרינט פון טונקעלע און גרויסע זאַלען.
דער וואַלד פון גאָלד איז שווער אויף מיין געמיט געפאַלען
און קוים, וואָס מיינע גלידער זיך באַוועגען.
אַן הויך־געשטעלטער הער קומט מיר אַנטקעגען
דאָס פיל איך אַן זיין חוצפּה׳דיגען טרעטען
און אנ׳ם גלאַנץ פון זיינע שווערע עפּאַלעטען.
און אַ מינוט הויבט אָן מיין האַרץ צו גלויבען און צו פילען
אַז אַט, און פון אַ ווינקעלע אַ שטילען
וועט ער אליין אַ ווייז טאָן זיך:
די ליפּען ביז׳ן בלוט פאַרביסען
און אין די הענט דעם גאַרטעל אין דער לופט פאַרריסען

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ז. וויינפער

א לאבארינט פון טונקעלע און גרויסע זאלען
דאס גאלד איז שווער אויף מיין געמיט געפאלען
און קוים, וואס מיינע גלידער זיך באוועגען.

זיבען און ניינציג

אַ קאַסטען.

אַ מאַרמאָרנער קאַסטען צווישען מאַרמאָרנע ווענט,
אַ ליכט אין אַ גאָלדענע רערעל צאַנקענדיג ברענט
אין נעבען דעם צאַנקענדען ליכט
אַ הויכער מאָנאַך מיט אַ ברוינעם געזיכט.

און מענשען פון אַלערליי פאַרב און קאָליר
גאָטס-פאָרכטיגע בייטען זיך בליקען מיט מיר.
ווער קניהענדיג פרום זיינע אָרעמס פאַרלעגט
און ווער אַ פאַרטראַכטער, ווי איך, אונבאַוועגט.

אַ מאַרמאָרנער קאַסטען צווישען מאַרמאָרנע ווענט.
איך פיר אויפ'ן מאַרמאָר אַרום מיינע הענט
און פיל ווי ביי יעטוועדען ריר
טוט עפּעס אַ צאַפּעל זיך ציטריג אין מיר.

און ער דער מאָנאַך מיט דעם ברוינעם געזיכט
באַשיינט פון דעם צאַנקענדען ליכט
קוקט צו זיך צו אַלץ אהן אַ ריר פון אַ גליד,
ווי אויסגעהאַקט וואָלט ער געווען פון גראַניט.